פרשת ויטב תטפ"ג
גליון 53

# א גריס פון
# בית פיגא

## א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך, יום ג' פרשת בהעלותך, י"ז סיון, שנת תש"פ לפרט קטן

*... חמי', תלמידה בית פיגא ברסלב.*

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי זיך זייער צו הערן אז דו זאגסט תהילים און דו האסט שוין מסיים געווען זעקס מאל דעם ספר תהילים.

דער הייליגער רבי זאגט (חיי מוהר"ן, סימן תפה): "א גוט קאפיטל תהילים איז אזוי ווי פאנטש"; ווען א מענטש איז אויסגעטריקנט און אפגעמאטערט נעמט ער א טרינק וואס פרישט אים אויף, אזוי איז א קאפיטל תהילים, עס פרישט אויף דעם מענטש און עס ברענגט אים גרויסע ישועות.

בעט דיין טאטע זאל דיר אהיים ברענגען יעדע וואך לכבוד שבת די וועכנטליכע קונטרס "עצתו אמונה", דאס זאלסטו ליינען שבת; די בריוו וועט דיר ווייזן ווי אזוי מוהרא"ש האט געוואלט מען זאל לעבן, עס וועט דיר מאכן רואיג און פרייליך.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

# די פארלוירענע בת מלך

## סיפורי מעשיות מעשה א'

### חלק ז'



זָאלְסְטוּ דִיר וִוידֶער אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַן אָרְט. אוּן זָאלְסְט וִוידֶער זִיצְן דָארְט אֵיין יָאר. אוּן אִין דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן טָאג זָאלְסְטוּ שׁוֹין מֶעגְן עֶסְן. נָאר זָאלְסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן. אוּן זָאלְסְט קֵיין וַויין נִישְׁט טְרִינְקֶען כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט שְׁלָאפֶן, וָוארְן דֶער עִיקָר אִיז דֶער שְׁלָאף.



אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט אַזוֹי גֶעטָאן. דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן טָאג אִיז עֶר אַהִינְגֶעגַאנְגֶען. הָאט עֶר גֶעזֶעְן אַ קְוַואל גֵיין. אוּן דִי מַרְאֶה פוּן דֶעם קְוַואל אִיז גֶעוֶוען רוֹיט. אוּן דֶער רֵיחַ אִיז גֶעוֶוען פוּן וַויין. הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְשָׁרֵת הָאסְטוּ גֶעזֶעְן. דָאס אִיז אַ קְוַואל (קֶער צוּ זַיין אִין אִים וַואסֶער) אוּן דִי מַרְאֶה אִיז רוֹיט. אוּן דֶער רֵיחַ אִיז פוּן וַויין.

פארזעצונג קומט אי"ה

# מיידלעך דערציילן

## מעשיות פון תפילה

### רחלע שניצלער דערציילט:

שוין זייער לאנג וואס איך בעט די אייבערשטער אז מיין ברודער זאל שוין ווערן א חתן, און ש'כח אייבערשטער אז די וואך איז ער געווארן א חתן!

### דבורי איינדיג דערציילט:

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען באקומען לענסעס אנשטאט מיין גלעזער וואס איך האב געהאט ביז יעצט, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב באקומען לענסעס.

### לאה סאלז דערציילט:

איך האב זייער שטארק געוואלט קומען צו די חתונה פון פערי מאיער וואס איז געווען די וואך זונטאג דא אין ישיבה, האב איך געבעטן די אייבערשטער 'אייבערשטער העלף איך זאל קענען קומען צו די חתונה' און ש'כח אייבערשטער איך האב געקענט קומען און מיטהאלטן די חתונה.

# נייעס אין בית פיגא

די וואך האבן די מיידלעך פון די עלטסטע קלאס אין וויליאמסבורג געליינט א בריוו אין עצתו אמונה ווי די ראש ישיבה שרייבט אז מען זאל היטן אויף אידיש געלט. די ראש ישיבה שרייבט ווי א שאד עס איז צו אויסגעבן געלט פאר נישט וויכטיגע זאכן ווי למשל פאר א brand name, טייערע קליידער אדער אדער לעבן פאר יענעם, נאר מען קען איינקויפן אין די ברסלבע באזאר פאר ביליג הערליכע קליידער.

זענען זיי אראפגעגאנגען צו די באזאר און געזען די שיינע קליידער וואס מען קען קויפן פאר בלויז דריי פיר דאלער. אפאר מיידלעך האבן טאקע געקויפט זאכן און געקומען מיט דעם אין סקול מיט שטאלץ. ב"ה די טיטשער האט געטראפן א שיינע קאוט. ב"ה מיר קענען לעבן רואיג און פריילך!

**װעלכע דריי ווערטער שטייט דא געשריבן?**

**ענטפער פון לעצטע וואך: תהלים, גמרא, בעטן**

# בית פיגא קאך

## Cocolate Chip Cupcakes

**Ingredients:**

4 cups flour
2 cups sugar
4 eggs
2 tbsp vanilla sugar
1 tbsp baking powder
½ tsp salt
½ cup coffee whitener
2 sticks margarine
10 oz chocolate chips

**Directions:**

Preheat oven to 350°.

Combine all ingredients.

Fill mufin pans with batter ¾ full.

Bake for 24 minutes.

*געדענק צו בעטן דער אייבערשטער אלץ ס'זאל גוט געלונגען!*



**מזל טוב!**
**שפרה פעלבערבוים**
**צו איר שידוך!**

**מזל טוב!**
**מרת ש. ווייס**
**צו איר נייע אינגל בעיבי!**

**מזל טוב!**
**רחלע שניטצלער**
**איר ברודער איז געווארן א חתן!**

**מזל טוב!**
**פערי פוקס (מאיער)**
**צו איר חתונה!**